# אונטער דיין דראָענדיקער האַנט

האָסט אויסגעשטרעקט אויף מיר דיין דראָענדיקע האַנט —
כ׳בין אַ שאָטן פון אַן אָפּגעברענטער וואַנט.

דעם צייכן פון מיין טאַטנס לעצטע טריט
פאַרהילט די שטילקייט פון אַן אויסגעלאָשן ליד.

און שעה אויף שעהן זאַמלען זיך מיט גרויל
צו דערציילן פון מיין מאַמעס יאָמערלעכן קול

צום דומם-האַרץ פון אדם-מענטש.
בעת ס׳האָבן אירע הענט אין איילעניש דערבענטשט

אַ לעצטן מאָל — די יידיש-קרייזלדיקע האָר
פון מיין ברודערל פון זיבן יאָר.

האָסט אויסגעשטרעקט אויף מיר דיין דראָענדיקע האַנט —
כ׳בין אַ שאָטן פון אַן אָפּגעברענטער וואַנט.

פון דער נאַכט, וואָס איז אין הימל שוין פאַרטויאיקט
כ׳עפן אויף צו דיר אַ יידיש אויג.

מיין לעבן וואַכט איצט אויף פון אַ געוויין
ווי אַ גראָז, וואָס שפּאַרט זיך דורך דורך שטיין

און טוט זיך מיען נאָכאַמאָל אַ צאַפּל טאָן
צו פרימאָרגנדיקער פלייצנדיקער זון.

צו דיין אויסגעשטרעקטער דראָענדיקער האַנט
אין דעם שאָטן פון דער אָפּגעברענטער וואַנט.